**גוט שבת אלע אידן.** ר' ישראל זאב גוסטמאן ע"ה (זיין עכטע נאמען), וואס איז נפטר געווארן אין תשמ"ט, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם פון דעם פאריגען דור. ווען ער איז אלט געווען צוויי און צוואנציג יאר האט ער שוין אנגעהויבן די רבנות צוזאמען מיט דעם ליטווישען גדול ר' חיים עוזר גדאדזענסקי ז"ל אין ווילנע. ר' חיים עוזר האט זייער שטארק געהאלטן פון ר' ישראל זאב און דער עלטערער רב פלעג אפילו שיקן שאלות צו ר' ישראל זאב. ר' ישראל זאב איז געווען אזוי ווי ר' חיים עוזר'ס תלמיד חבר.

שפעטער נאך די מלחמה, ווען ר' ישראל זאב איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען צום טשיבינער רב ז"ל. דער טשיבינער רב האט געהערט ר' ישראל זאב'ס נאמען "גוסטמאן," און ער האט זיך דערמאנט וועגן א בריוו וואס ער האט באקומען פון ר' חיים עוזר אסאך יארן פריער, וואס אין דער בריוו האט ר' חיים עוזר דערמאנט דעם נאמען פון א רב וואס האט געהייסן "גוסטמאן." "איר זענט אפשר א זון פון הרב גוסטמאן פון ווילנע?" (וויבאלד אז ר' ישראל זאב איז געווארן א רב זייער יונג, האט דער טשיבינער רב זיך פארגעשטעלט אז ר' ישראל זאב איז געווען דער זון פון דעם "רב גוסטמאן" פון יארן פריער.) ווען דער טשיבינער רב האט געכאפט אז ער רעדט מיט דעם באקאנטן תלמיד חכם רב גוסטמאן אליינס, האט ער זיך אנגעטון זיין היט און רעקל און ער האט געמאכט די ברכה "שחלק מחכמתו ליראיו" וואס מען זאגט ווען מען זעט אן עכטען תלמיד חכם.

אזוי ווי מען האט דערמאנט אויבן, איז ר' ישראל זאב זייער נאנט געווען מיט ר' חיים עוזר. אין די לעצטע יארן פון ר' חיים עוזר'ס לעבן ווען ער איז געווען שוואך און נישט געזונט, ל"ע, האט אים ר' ישראל זאב משמש געווען. אסאך טעג אין די נאכמיטאג שעות, פלעגט ר' ישראל זאב מיטפארן מיט ר' חיים עוזר אויף א וואגן אין די וועלדער ארום ווילנע כדי דער אלטער רב וועט קענען שעפן אביסל פרישע לופט און דרויסן פונעם שטאט. אויף די שפאצירן, פלעגן די צוויי תלמידי חכמים 'רעדן אין לערנען.' איין נאכמיטאג, האט אבער ר' חיים עוזר נישט געוואלט רעדן וועגן תורה, א זאך וואס איז געווען א פלא פאר ר' ישראל זאב. אנשטאט רעדן דברי תורה, האט ר' חיים עוזר גערעדט וועגן דעם נאטור פונעם וואלד, למשל, ער האט געוויזן מיט זיין האנט און געזאגט "דא איז א הייל... יענע פלאנץ איז גיפטיג... יענע קען מען יא עסן..." ר' ישראל זאב האט אלעס צוגעהערט און געשאקעלט זיין קאפ צו ווייזן אז ער פארשטייט וואס זיין רבי זאגט, אבער ער האט באמת נישט פארשטאנען פארוואס ר' חיים עוזר האט אים בכלל אויסגערעכענט די אלע זאכן. לכאורה, וויבאלד אז זיין רבי האט עס געזאגט, איז עס דאך וויכטיג געווען צו וויסן, וועגן דעם האט ר' ישראל זאב גוט צוגעהערט אלעס.

י"ז אלול תרצ"ט האט די צווייטע וועלט מלחמה אויסגעבראכן, ווען די דייטשע ימ"ש זענען אריינגעקומען אין פוילען פון דעם מעריב זייט און די רוסישע זענען אריינגעקומען אין דעם מזרח זייט. די רוסישע האבן נישט איינגענומען ליטע ביים אנהייב. וועגן דעם האבן אסאך אידן אין פוילען געקענט אנטלאפן און אריבערגיין דעם גרעניץ קיין ליטע. ר' חיים עוזר האט גערופן צו אלע ראשי ישיבה אין פוילען אז זיי זאלן שיקן אלע תלמידים קיין ליטע, און פון דארט זענען אסאך טאקע אנטלאפן צו אנדערע לענדער, און דורך דעם זענען טויזענטע אידן ב"ה גערעטעוועט געווארן.

ווייניגער ווי א יאר נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען, איז ר' חיים עוזר געווען ל"ע זייער קראנק. דעמאלט האבן די רוסישע שוין יא איינגענומען ליטע. דערנאך האבן די דייטשע ימ"ש אנגעהויבן צו קריגן קעגען די רוסישע (ווייל אנפאנג מלחמה זענען רוסלאנד מיט דייטשלאנד געווען פאראייניגט.) חודש אב ת"ש איז געקומען די צייט פאר ר' חיים עוזר צו פארלאזן די וועלט. מען האט גערופן אלע רבנים צו נעמען א ברכה פון אים בעפאר זיין הסתלקות. ווען ר' ישראל זאב איז צוגעקומען, האט ר' חיים עוזר געכאפט זיין האנט און געזאגט צו אים, "דו גייסט זיי איבערלעבן – סיי די מזרח און זיי די מעריב..." צו קיין אנדערען האט ר' חיים עוזר נישט געזאגט אזעלכע רייד.

באלד דערנאך, זענען די דייטשע ימ"ש אריינגעקומען אין ווילנע ממש, און זיי האבן געמאכט א געוויסע טאג "ראבינער טאג" ווען זיי האבן געזוכט צו הרג'נען אלע רבנים, השם ישמרנו. די רשעים האבן פארשטאנען אז דער עיקר חיזוק ביי די אידן איז געקומען פון זייערע תלמידי חכמים. ר' ישראל זאב איז טאקע געכאפט געווארן דורך א דייטשע סאלדאט, אבער מיט נסים איז ער ב"ה אנטלאפן.

פאר מיר גיין ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים אין דער מעשה וואס האבן א שייכות צו אונזער פרשה. דער הייליגער רמב"ן זי"ע רעדט פון דעם ענין פון אמונת צדיקים, אין זיין פירוש אויפ'ן פסוק "...לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל." זאגט דער רמב"ן זי"ע וועגן א צדיק "...כי רוח השם על משרתי מקדשו, 'ולא יעזוב את חסידיו, לעולם נשמרו...' מן הטעות ומן המכשול." (תהלים לז,כח) עכל"ק. ד"ה, ווען מען פאלגט א צדיק, האט מען א באזונדערע סיעתא דשמיא צו מאכן די ריכטיגע החלטות אין לעבן. איז לאמיר יעצט ענדיגען דער מעשה וואס וועט אונז מחזק זיין צו האבן מער אמונת צדיקים.

ר' ישראל זאב מיט זיין רביצן און קליינע טאכטער זענען געלאפן צו די וועלדער נעבן ווילנע. דעמאלט האט ר' ישראל זאב געדענקט אלעס וואס זיין רבי רב חיים עוזר ז"ל האט אים אויסגעלערנט וועגן אלע פלאנצען וואס מען מעג עסן און וואו מען קען זיך באהאלטן אין היילן, וכו'. דעמאלט האט ער פארשטאנען די רוח הקודש פון זיין רבי'ן. דאס האט אים געהאלפן איבערלעבן דער מלחמה!

פאר כמעט פונף יאר, האט ר' ישראל זאב מיט זיין משפחה זיך באהאלטן אין דעם וואלד. עטליכע מאל זענען זיי געווען נאנט צו געהרגעט ווערן, ל"ע. מער ווי א הונדערט מאל האט ר' ישראל זאב געזאגט וידוי, ווייל ער האט געמיינט אז וועט שטארבן! מער ווי איין מאל האבן קוילן געקריצט זיין קאפ! עטליכע מאל האבן דייטשע סאלדאטן ימ"ש געקוקט גראד אריין אין זיין פנים אבער זיי האבן אים נישט 'געזען.' ר' ישראל זאב האט שפעטער געזאגט אז עס איז געווען ממש א גזירה פון הימל, ווייל דער רבונו של עולם איז גוזר ווער זאל לעבן און ווער זאל נישט, ל"ע.

נאכעם קריג, זענען ר' ישראל זאב מיט זיין משפחה געווען צווישן די געציילטע אידן וואס זענען צוריקגעקומען קיין ווילנע. דעמאלט האבן די רשעתדיגע רוסישע רשעים ימ"ש שולט געווען איבער ווילנע. איין נאכט איז געקומען א אידישער קאמוניסט (נעבאך) צו ר' ישראל זאב צו זאגן אז ער מוז שוין אנטלויפן, ווייל די רעגירונג האט געפלאנט אים אוועק צו שיקן קיין סיביר דעם נעקסטען טאג. די זעלבע נאכט זענען ר' ישראל זאב מיט זיין משפחה טאקע אנטלאפן, און זיי זענען שפעטער אנגעקומען קיין אמעריקע. שפעטער זענען זיי געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל. אזוי ווי זיין רבי האט אים געזאגט, ר' ישראל זאב האט ב"ה איבערגעלעבט די "מזרח" ד"ה די רוסישע, און די "מעריב" ד"ה די דייטשע וואס זענען געקומען פון דעם מעריב זייט פון יוראפ. איינע פון די סיבות פארוואס ער האט איבערגעלעבט די מלחמה איז געווען ווייל ער האט געהאט אמונה אין זיין רבי'ן. ווען זיין רבי האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן נאטור האט ער גוט צוגעהערט, אפילו ער האט נישט פארשטאנען פארוואס! **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יהודא בוים הי"ו לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ"צ
מזל טוב למוה"ר ראובן מרדכי גרין הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו יעקב יוסף הי"ו בשעטומ"צ
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**